געקליבענע געדאנקען אויף די פרשה

# פון פלאָצקער גאון

הגאון רבי ארי' לייב צינץ זי"ע

## אויף אידיש

פרשת ויחי
תשפ"ה
גליון קכ"ו
שנה ד'

## ווען יוסף איז געווען ביי זיין טאטע האט ער נישט געכאפט אז ער איז קראנק

**ויהי אחרי הדברים האלה ויאמר ליוסף הנה אביך חולה ויקח את שני בניו עמו...** (מח, א)

די גמרא זאגט (ב"מ פז.) אז ביז יעקב אבינו איז נישט געווען קיין חולשה אויף די וועלט, נאר מען איז געשטארבן אָן קראנק צו זיין פארדעם. ביז יעקב האט געבעטן דעם אויבערשטן אז עס זאל זיין חולשה בעפאר מען שטארבט כדי מען זאל קענען שרייבן צוואה, און עס איז טאקע אזוי געווען, אזויווי אין פסוק שטייט: "**ויאמר ליוסף הנה אביך חולה**".

בפשטות איז די ראיה ווייל דא ווערט די ערשטע מאל דערמאנט אין די תורה די זאך פון חולשה. אבער אעפ"כ, וואו איז **מדויק** דא אין פסוק אז פארדעם איז נישט געווען קיין חולשה?

קען מען זאגן, ווייל פארדעם שטייט "**וישתחו ישראל על ראש המטה**", זאגט רש"י אז ער האט זיך געבוקט לצד השכינה, מכאן ששכינה למעלה מראשותיו של חולה. זעט מען דאך, אז ווען יוסף איז געקומען צו יעקב רעדן איבער זיין קבורה איז יעקב אבינו שוין קראנק געווען.

אויב אזוי איז דאך ממש שווער צו פארשטיין, וואס הייסט "**ויהי אחרי הדברים האלה ויאמר ליוסף הנה אביך חולה**", גלייך נאכדעם דארף מען אים קומען זאגן אז זיין טאטע איז קראנק, האט ער דען נישט אליינס געזען ווען ער איז דארט געווען?!

אלא מאי מוז זיין, אז ביז יעקב אבינו איז נישט געווען די זאך פון זיין קראנק פארן שטארבן, איז הגם אז ווען יוסף איז דארט געווען איז שוין יעקב שוואך געווען האט יוסף נישט געוואוסט וואס דאס איז און אז דאס איז א סימן פון מיתה, וועגן דעם האט מען אים געדארפט ספעציעל זאגן **הנה אביך "חולה"** אז יעקב איז קראנק, דהיינו אז דאס איז א סימן פון מיתה, כדי ער זאל שנעל קומען איידער ער ווערט נסתלק.

**'מעייני החכמה' - ב"מ דף פז. אות פז**

## יעקב האט דייקא געלאָזט אפרים אין יוסף'ס רעכטע האנט און נאר געטוישט זיינע הענט כדי אפרים זאל באקומען מיט "ביידע" רעכטע הענט

**וישלח ישראל את ימינו... שכל את ידיו כי מנשה הבכור... וירא יוסף כי ישית אביו יד ימינו על ראש אפרים וירע בעיניו... וימאן אביו ויאמר ידעתי בני ידעתי'...** (מח, יד-יט)

אין די פסוקים זענען דא עטליכע דיוקים: **א.** וואס איז פשט **שִׂכֵּל את ידיו "כי" מנשה הבכור**, "**כי**" איז דאך א נתינת טעם, וואס איז די נתינת טעם אז **ווייל** מנשה איז דער בכור טוישט ער זיינע הענט? **ב.** ווען יוסף האט געזען אז יעקב לייגט די רעכטע האנד אויף אפרים שטייט: "**וַיֵּרַע בעיניו**" ער האט דאס שלעכט אנגעקוקט. לכאורה האט דאך יוסף געמיינט אז דאס איז פשוט א טעות, איז פארוואס קוקט ער דאס אָן אזוי שלעכט? **ג.** אויף "**ידעתי בני ידעתי**" זאגט דער מדרש (ב"ר צז, ד): "**ידעתי**" איך ווייס פון מעשה ראובן און בלהה, "**ידעתי**" איך ווייס אויך פון מעשה יהודה און תמר. און מה-דאך די זאכן וואס זענען דיר נישט נתגלה געווארן ווייס איך, על אחת כמה וכמה די זאכן וואס זענען דיר יא נתגלה געווארן ווייס איך זיכער! ע"כ המדרש. דארף מען לכאורה פארשטיין, וואס איז די גרויסע "גילוי" אז מנשה איז דער בכור, ווער האט עס דען נישט געוואוסט?

נאר ס'איז באוואוסט אז די ברכה פון די צדיקים ווערט נמשך דורך זייערע הענט און די צען פינגער (עי' זוה"ק בהוספות ח"ג ש, ב). און וועגן דעם האט יעקב געזאגט פאר יוסף "**קחם" נא אלי ואברכם**, אז יוסף זאל זיי נעמען אויך אין זיינע הענט, ווייל יעקב אבינו האט געוואלט אז די ברכה זאל נמשך ווערן דורך זיינע הענט און יוסף'ס הענט צוזאמען, ווייל יעקב איז מידת 'תפארת' וואס פון דארט ווערט נמשך די שפע, און יוסף איז די מידה פון 'צדיק יסוד עולם' - דער צינור וואס איז ממשיך די שפע, און וועגן דעם האט יוסף טאקע גענומען די קינדער אין זיינע הענט.

און די רעכטע האנט איז דאך "מיומן לברכה", דאס האט א שטערקערע כח ממשיך צו זיין די ברכה. און וויבאלד אז דער וואס שטייט צו די רעכטע האנט פון יוסף איז דאך קעגן די לינקע האנט פון יעקב, האט אבער יוסף געוואוסט אז דער עיקר איז דער "ימין המברך" פון זיין טאטע וואס איז עלטער פון אים, ענדערש ווי זיין רעכטע האנט וואס איז נאר די הכנה צו די ברכה. וועגן דעם האט ער גענומען מנשה דעם בכור אין זיין לינקע האנט, כדי ער זאל זיין צו די רעכטע האנט פון זיין טאטע - דער מברך - וואס ער איז דער עיקר.

אבער יעקב וואס האט געוואלט בענטשן **אפרים** מיט זיין רעכטע האנט, האט געוואלט אז דאס זאל זיין מיט **ביידע רעכטע הענט** סיי מיט'ן "ימין המברך" פון אים אליין, און סיי מיט'ן "ימין המכין לברכה" פון יוסף, ווייל אזוי וועט די ברכה זיין אויפן שטערקסטן אופן. יעצט יעקב האט פארשטאנען דעם אמת אז יוסף האט גענומען מנשה אין זיין לינקע האנט - רעכטס פון יעקב, און אפרים אין זיין רעכטע האנט - לינקס פון יעקב, ווייל יוסף איז מער מחשיב דעם "ימין המברך", און ער וויל אז מנשה דער בכור זאל זיין צו **יעקב'ס** רעכטע האנט.

און לעולם וואלט ער געקענט זאגן פאר יוסף זיי צו טוישן און נעמען אפרים אין זיין לינקע האנט - רעכטס פון יעקב, און מנשה אין זיין רעכטע האנט - לינקס פון יעקב, כדי דער "ימין המברך" זאל זיין אויף אפרים. אבער מיט גרויס חכמה האט אים יעקב נישט געהייסן זיי טוישן, ווייל אויב יוסף וועט זיי טוישן, וועט אפרים נאר באקומען מיט'ן "ימין המברך" אבער נישט פון יוסף, משא"כ אויב אפרים וועט בלייבן אין יוסף'ס רעכטע האנט, און יעקב וועט טוישן "די הענט" און לייגן זיין רעכטע האנט אויף אפרים'ס קאפ, וועט דאך אפרים האבן "ביידע" רעכטע הענט, סיי פון יעקב און סיי פון יוסף.

מיט דעם ווערט פארענטפערט די נתינת טעם פון "**שִׂכֵּל את ידיו כי מנשה הבכור**", ווייל פשט איז, אז יעקב האט דייקא געלאזט אפרים אין **יוסף'ס** רעכטע האנט און נאר געטוישט **זיינע** הענט, "**כי" מנשה הבכור, ווייל** ער האט פארשטאנען אז מנשה דער בכור וועט יוסף נעמען אין זיין לינקע האנט - וואס איז צו יעקב'ס רעכטע האנט, און ער האט דאס נישט געוואלט טוישן, כדי אפרים זאל האבן סיי יוסף'ס רעכטע האנט און סיי זיין רעכטע האנט.

אבער ווען יוסף האט געזען ווי יעקב טוישט זיינע הענט, און ער האט נישט געוואוסט דעם סיבה אז יעקב וויל בענטשן אפרים מיטביידע רעכטע הענט, האט ער געמיינט אז יעקב איז אים חושד אז ער יוסף איז מער מחשיב דעם "ימין המקבל" און יעקב טראכט אז ער האט גענומען מנשה אין זיין - יוסף'ס - רעכטע האנט, און וועגן דעם טוישט יעקב די הענט צו לייגן זיין רעכטע האנט אויף מנשה. וועגן דעם "**וַיֵּרַע בעיניו**" איז אים שלעכט געפאָלן **אז זיין טאטע איז אים חושד** אז ער מחשיב זיך מער ווי זיין טאטע.

אויף דעם האט אים יעקב געזאגט: "**ידעתי בני ידעתי**" ווי דער מדרש איז מסביר, אז מה-דאך די זאכן וואס זענען דיר נישט נתגלה געווארן זענען מיר יא נתגלה געווארן, איז דאך כל שכן אז וואס דיר איז יא נתגלה געווארן - אז "ימין המברך" איז חשוב'ער - איז פאר מיר אודאי נתגלה געווארן. און איך ווייס אז דו האסט נישט געלייגט מנשה אין **דיין** רעכטע האנט - נאר צו **מיין** רעכטע האנט, און די סיבה אז איך טויש די הענט איז נאר כדי אפרים זאל באקומען די ברכה מיט "ביידע" רעכטע הענט.

## דער ריבוי פון די פיש אין ים איז געבונדן אין די ריבוי פון כלל ישראל

**וידגו לרוב בקרב הארץ.** (מח, טז)

די גמרא זאגט (קידושין יג.) "כל שאינו יודע בטיב גיטין וקידושין לא יהא לו עסק עמהן" ווער עס קען נישט גוט די הלכות פון גיטין וקידושין זאל נישט עוסק זיין אין דעם, ווייל ער קען ח"ו מרבה זיין ממזרים אויף די וועלט. זאגט נאכדעם די גמרא: "וקשין לעולם יותר מדור המבול" - דאס איז נאך ערגער ווי דעם דור המבול, ווייל ביים מבול זענען די פיש נישט געשטארבן, משא"כ ביי די וואס זענען ר"ל מרבה ממזרים שטייט אין פסוק "וגם דגי הים יֵאָסֵפוּ" אז די פיש וועלן אויך שטארבן.

דארף מען דאך פארשטיין, וואס איז די מידה כנגד מידה אז פאר'ן עוסק זיין אין גיטין וקידושין נישט קענענדיג די הלכות זאלן וועגן דעם די פיש אין ים שטארבן?

נאר כלל ישראל האט באקומען א ברכה זיך צו פארמערן ווי די פיש, אזויווי דער פסוק זאגט: "**וידגו לרוב בקרב הארץ**", און אלע שבטים זענען נכלל אין דעם ברכה. און דער ברכה מוז בהכרח מקוים ווערן, ווייל א דבר טוב וואס דער אויבערשטער האט געזאגט אפילו על תנאי ציעט ער נישט צוריק (עי' ברכות ז.).

יעצט די גמרא זאגט דאך (יבמות עח:) "ממזר דלא ידוע לא חיי" - אז א ממזר וואס איז נישט באוואוסט אלס א ממזר-בלייבט נישט לעבן. אויב אזוי קומט דאך אויס, אז איינער וואס איז נישט באקאנט אין גיטין וקידושין און איז עוסק אין דעם, פארמערט ער ר"ל אומבאוואוסטע ממזרים, און זיי האלטן זיך דאך נישט. ממילא יעצט וועלן על כרחך די פיש אין ים אויך מוזן פארמינערט ווערן, ווייל אויב די פיש וועלן זיך פארמערן און לעומת זה וועט כלל ישראל ח"ו פארמינערט ווערן צוליב די ריבוי ממזרים, וועט דאך אויסקוקן אז די ברכה פון "וידגו לרוב" ווערט נישט מקוים.

דערפאר איז טאקע די עונש פאר דעם אז די פיש אין ים שטארבן, ווייל אויב כלל ישראל ווערט ח"ו נתמעט, מוזן אטאמאטיש די פיש אין ים אויך נתמעט ווערן, כדי דער ריבוי פון די פיש זאל נישט זיין מער ווי דער ריבוי פון כלל ישראל.

**הקדמת רבינו לספר 'גט מקושר**

## יעקב האט געגעבן פאר יוסף שכם כדי די שבועה זאל זיין "על דעת חבירו" וואס מ'קען נישט מתיר זיין

**ואני נתתי לך שכם אחד על אחיך...** (מח, כב)

רש"י זאגט, אז יעקב האט געגעבן פאר יוסף די שטאט שכם, אלס א באלוין פאר'ן זיך מתעסק זיין מיט זיין קבורה. אבער לכאורה איז שווער, ווייל רש"י אליינס זאגט דאך (לעיל מז, כט) אז יעקב אבינו האט אים געבעטן א "חסד של אמת" אָן קיין תשלום גמול, איז פארוואס טאקע האט ער אים למעשה יא געגעבן אויף דעם א באלוין?

קען מען זאגן, אז יעקב האט ספעציעל געוואלט אז יוסף זאל עפעס באקומען פאר'ן זיך מתעסק זיין מיט זיין קבורה. ווייל יעקב אבינו האט חושש געווען אז פרעה וועט נישט לאזן יוסף אים ארויפטראגן קיין ארץ ישראל, און הגם אז יוסף האט דאך געשווארן, האט יעקב נאכאלץ חושש געווען אז אפשר וועט פרעה אים הייסן מתיר צו זיין דעם שבועה, איז וועגן דעם האט ער אים געגעבן אויף דעם די שטאט שכם, ווייל דער דין איז דאך (עי' יו"ד סי' רכח ס"כ) אז א נדר וואס מען מאכט **על דעת חבירו** - פאר א טובה וואס דער חבר האט אים געטון - קען מען נישט מתיר זיין נאר מיט'ן רשות פונעם חבר וואס על דעתו האט מען געמאכט דעם נדר.

איז יעצט אז יוסף האט זיך געשווארן צוליב א טובה וואס ער האט באקומען פון יעִקב, הייסט עס דאך א שבועה "על דעת חבירו", איז ממילא קען אים פרעה שוין מער נישט הייסן זיך שואל זיין אויף די שבועה, ווייל א שבועה "על דעת חבירו" קען מען נישט מתיר זיין נאר ברשות חבירו.

לויט דעם שטימט זייער גוט וואס פרעה האט געזאגט פאר יוסף סוף פרשה: **עֲלֵה וקבור את אביך "כאשר השביעך"** אויסדרוקנדיג אז דאס איז "אזויווי ער האט דיר באשוואוירן", ווייל היות זיין שבועה איז געווען **על דעת חבירו** האט יוסף נישט געקענט שואל זיין אויף דעם שבועה, ממילא האט פרעה אים געמוזט לאזן ארויפטראגן יעקב קיין ארץ ישראל. (ועי' רש"י נ, ו באופן אחר ע"פ הגמ' סוטה לו:)

# די הייליגע צוואה

ומי שישתדל בהדפסתן
יהי' לו המחבר למליץ
אם יהי' לו זכות




איר קענט שיקן קוויטלעך
צום ציון הק'
להפקד בדבר ישועה ורחמים

פאראינטערעסירטע ביטע פארבינדט אייך צום מערכת

הגליון נתנדב ע"י

הרבני הנכבד
הר"ר **יוסף יושע עפשטיין** הי"ו

זכות הפצת תורת הגה"ק מפלאצק זי"ע
יעמוד בעדו ובעד ביתו לברכה והצלחה בכל
מעשי ידיהם

**מנדב צו זיין א גליון לשבוע זוכה צו זיין להבטחת הצדיק, אדער אנטייל צו נעמען אין די הוצאות, ביטע זיך ווענדן צו.**
gilyonplotzk@gmail.com | plotzk.org | (929) 260-4868